בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' פ' מטות | ט"ז תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ו:

# באריכט:

## שיינער שבע ברכות אין קרית יואל לרגל השמחה בחצרות קדשינו

א הערליכער שבע ברכות איז נעכטן – זונטאג פאהרגעקומען אין די זאלן פון קרן ויואל משה אין קרית יואל, וואס דער רבי שליט"א האט פאררופן לרגל די שמחה בחצרות קדשינו.

ביי דעם שבע ברכות זענען ספעציעל געלאדענט געווארן צענדליגער נגידים און שטיצער פון די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק, פון איבער גרעיטער ניו יארק, וועלכע שטיצן און האלטן אונטער די הייליגע מוסדות אין ארה"ק דורכאויס דעם יאהר. נאכמיטאג צייט זענען די באטייליגטע אנגעקומען צו די רייך געדעקטע טישן, ווי עס אין געווען אויסגעשטעלט אויף א ספעציעלן אויסטשעל אז די חברי הנהלה זאלן קענען יעדן איינעם מכבד זיין בכבוד הראוי איש על מחנהו ואיש על דגלו.

צו די באשטימטע צייט זענען כ"ק מרן רבינו שליט"א און די חתן און מחותנים שליט"א ערשינען צום שבע ברכות ווי מען האט אויסגעבראכן אין א געזאנג פון קול רנה וישועה, און דערנאך האט זיך דער רבי שליט"א געוואשן צו די סעודה.

דורכאויס די גאנצע מאורע האט די סאטמארע קאפעליע מהנה געווען די באטייליגטע מיט הערליכע נגינה לכבוד די שמחה.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן הר"ר יקותיאל יצחק בראך שליט"א מנה"ר במוסדותינו הק' אין בני ברק וחבר הנהלת המוסדות, וועלכער האט ארויסגעברענגט דאס חשיבות און די חיזוק וואס די שטיצע פון אט די פילאנטראפן און נדבנים געבן מיט זייערע ווארימע נדבות לטובת די הייליגע מוסדות.

דערנאך האט ר' יצחק אויסגערופן דעם ספעציעלער גאסט וועלכער איז געקומען באשיינען די מסיבה אלס נואם הכבוד - דעם אלעמען באקאנטן הרה"ג ר' נחום מאיר פאנעט שליט"א האדמו"ר מ'דעעש אין בארא פארק, וועלכער האט לפי דרכו באגייסטערט דעם ציבור מיט זיין דברי פי חכם חן און אזוי מהנה געווען די חתן ומחותנים מיט זיינע טרעפליכע רייד.

דערנאך האט דער אבי החתן הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק אויפגעטרעטן מיט א אינהאלטסרייכער דרשה ווי ער האט אין זיינע ווערטער אויך שטארק באדאנקט פאר

די חשובע נדבנים וועלכער העלפן אנהאלטן די הייליגע מבצר וואס סאטמאר פארמאגט אין ארה"ק.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארויסגעברענגט דעם חילוק פון זיין א מבדיל בין קודש לחול און מבדיל בין קודש לקודש, וואס ווי באקאנט איז בני ברק א שטאט פון תורה, פול מיט תלמידי חכמים, אבער די שטאט איז ווייט נישט אונזער גייסט וואס מיר האבן מקבל געווען מרבותינו הק'.

נאכ'ן ראש ישיבה שליט"א'ס דרשה האט דער רבי שליט"א דערציילט סיפורי צדיקים, און דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א, ווי דער רבי שליט"א האט זיך צו ערשט געשטעלט אויפן פסוק שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, און שפעטער בתוך דבריו האט דער רבי שליט"א ארויסגעברענגט וואס דער באדייט פון סאטמארער מוסדות אין בני ברק איז, נאכדעם וואס בני ברק איז ווי באקאנט א שטאט ווי דער טמא'נער שפראך איז ליידער שטארק אריינגעגעסן, און דער המון עם קען ליידער נישט קיין אידיש, און סאטמאר איז כמעט דער איינציגסטער מוסד וואס איז געבויט על טהרת הקודש אין די אלע ענינים.

צום סוף האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו פאר די באטייליגטע – די חשובע נגידי ותומכי המוסדות.

מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן דער נואם הכבוד האדמו"ר מ'דעעש שליט"א, און מיט די ברכות ראשונות איז מכובד געווארן דער אבי החתן שליט"א, און ברכה אחריתה אבי הכלה הגה"צ ר' זלמן לייב מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין בארא פארק.

## -קול ששון וקול שמחה-

## בקודש פנימה

נאכטן פארנאכטס זענען די תלמידי ישיבת נתיבות התלמיד אריין אל הקודש פנימה ביי מרן רבינו שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר די בחורים.

נעכטן נאכט איז בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א פאהרגעקומען די ווארט און קריאת התנאים פון המחותנים מוה"ר משה יוסף שווארץ הי"ו אבי החתן, און מוה"ר שמואל דוד וויינבערגער הי"ו אבי הכלה, פון קרית יואל, ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

היינט אינדערפרי האט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ישכר בעריש גליק הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א אפגעהאלטן אן אסיפה בביתו נאוה קודש מיט די דייני קהלתינו הק' פון איבעראל איבער ענינים העומדים על הפרק.

אצינד אויפדערנאכט איז דער רבי שליט"א אריבער אין שטוב פון הרה"ח מוה"ר חיים שלמה פישער הי"ו משב"ק ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו לרגל שהשמחה במעונו – די בר מצוה פון זיין זוהן למז"ט.

## הגה"צ מאנסי רב שליט"א גיט דרשת התעוררות אין היכל מבצר הכוללים קרית יואל

היינט מיטאג האט הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשת התעוררות פאר די אברכי הכולל אין היכל מבצר הכוללים אין קרית יואל איבער פארשידענע וויכטיגע נושאים.

࿐•࿐

## ניחום אבלים

ביי משפחת קלעצקי החשובה שיחיו וועלכע זיצן שבעה נאך זייער אומפארגעסליכער זוהן און ברידער הילד היקר והנחמד לייבי ע"ה, וועלכער איז ל"ע אזוי טראגיש אוועקגעריסן געווארן די פארגאנגענע וואך, זיצן שבעה ביז מיטוואך אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אויף 15 5701'טע עוו. אין בארא פארק אפט. 6J

בייגעלייגט איז דא בילדער פון מרן רבינו שליט"א ביי די הארץ רייסענדע לוי' דעם פארגאנגענעם מיטוואך נאכט.

***ויה"ר שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו***
***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

࿐•࿐

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**